# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ד - גליון קיט**

**פרשת נח**

בענין

**קושית השאגת אריה על הרמב"ם לא כתב הן איסור אבר מן החי, והן איסור בשר בן חי אצל בן נח – חלק ב**

**אַךְ בָּשָׂר בְּנַפְשׁוֹ דָמוֹ לֹא תֹאכֵלוּ** (בראשית ט, ד)

## דברי רש"י - גמרא מסכת חולין

**רש"י** איז מפרש דער פסוק, וזה לשונו: **בשר בנפשו אסר להם** - די אייבישטער האט געאסר'ט פאר בני נח צו עסן: **אבר מן החי, כלומר** - אין די פירוש פון די פסוק איז: **כל זמן שנפשו בו** - ווילאנג די בהמה איז נאך לעבעדיג, **לא תאכלו הבשר** - מעג מען נישט עסן זיין פלייש.

די **גמרא** זאגט אין **מסכת חולין** (קב, ב): **אמר ר' יוחנן**, עס שטייט אין פסוק (דברים, יב, כג) **וְלֹא תֹאכַל הַנֶּפֶשׁ עִם הַבָּשָׂר - זה אבר מן החי:** דא שטייט די איסור פון עסן אבר מן החי, און פון דער פסוק (שמות, כב, ל) **וּבָשָׂר בַּשָּׂדֶה טְרֵפָה לֹא תֹאכֵלוּ - זה בשר מן החי:** דא שטייט די איסור פון עסן בשר מן החי. דהיינו בנוסף פון די איסור אבר מן החי, איז אויך דא א איסור פון עסן בשר מן החי. אין ווי וועט כאפן די נפקא מינה פון די ביידע איסורים? שטייט דארט אין גמרא מסכת חולין (עמוד א וביתר ביאור ברש"י שם, ד"ה במשהו), אז אויף די איסור פון אבר מן החי, וועט מען זיין חייב אפילו אויב מען עסט א כזית בשר בצירוף גידין ועצמות, פירוש: די כזית פון אבר מן החי, וואס אויף דעם איז מען חייב אויב מען עסט עס, מיז נישט זיין דוקא א כזית פון אזעלכע סארט זאכן וואס זענען ראוי לאכילה, נאר אפילו אויב מען עסט א כזית אבר מן החי וואס איז צוזאם געשטעלט פון אביסל פלייש מיט ביינער און אדערן פון א לעבעדיגע בהמה, איז מען אויך חייב אויף די איסור פון אבר מן החי. אבער די איסור פון בשר מן החי, איז דוקא אויב מען עסט א גאנצע כזית פון 'בשר', נאר דעמאלטס איז מען חייב אויף די איסור פון בשר מן החי.

## קושית השאגת אריה

די **רמב"ם** אין הלכות מלכים (פרק ט, הלכה י), ווי ער שרייבט אלע הלכות וואס איז נוגע פאר א בן נח, שרייבט: **וכן חייב** - און אזוי אויך איז די בן נח חייב, **על אבר מן החי ועל בשר מן החי בכל שהוא, שלא ניתנו השיעורין אלא לישראל בלבד** - פירוש: א ישראל כדי ער זאל זיין חייב אויף די איסור פון אבר מן החי, מיז ער עסן דוקא א כזית, ווייל ביי א ישראל איז דא אזאך וואס הייסט 'שיעורין', אין די שיעור פון די איסור פון אבר מן החי איז א כזית, אבער א בן נח, וואס ער האט נישט די זאך פון 'שיעורין' ער וועט זיין חייב סיי אויף די איסור פון אבר מן החי, אין סיי אויף די איסור פון בשר מן החי, אפילו אויב ער עסט א משהו.

קומט די **שאגת אריה**[1] און פרעגט זייער א שטארקע קשיא אויף דער **רמב"ם**. ווי געשריבן אויבן איז די גאנצע נפקא מינה פון די איסור אבר מן החי און די איסור בשר מן החי, וועט נאר זיין לגבי די 'שיעור' איסור, דהיינו, אז ביי אבר מן החי, וועט מען זיין חייב, אפילו אויב עס איז נישט דא א גאנצע שיעור כזית פון בשר איז מען חייב אויב עס איז דא א כזית מצירוף גידים ועצמות, און ביי די איסור פון בשר מן החי, וועט מען נאר זיין חייב אויב עס איז דא א גאנצע כזית בשר. אויב אזוי ביי א בן נח, וואס איז סייווי חייב במשהו, וועט לכאורה נישט כאפן קיין נפקא מינה צו מען איז חייב אויף בשר מן החי אדער אבר מן החי, און אויב אזוי פארוואס שרייבט די **רמב"ם** אז א בן נח איז חייב סיי אויף אבר מן החי און אויך אויף בשר מן החי, די **רמב"ם** וואלט געדארפט שרייבן נאר אז א בן נח איז חייב אויף די איסור פון בשר מן חי, און אבר מן החי איז סייווי בכלל די איסור פון בשר מן חי, ווי אויבן געשריבן אז נאר ביי א ישראל

---

[1] קושיא זו לא מובא בספרי השאגת אריה, אבל האחרונים מביאים את זה בשמו, עי' שו"ת פני אריה (סי' עד) שכתב: מאי דאקשי לן הגאון בעל שאגת אריה זצ"ל בעברו עלינו בשנת כוש"ר. וכן בחתם סופר (יו"ד סי' ע): ועוד שמעתי קושיא ממ"ו הגאון מו"ה נתן אדלר זצ"ל שהקשו לו הגאון שאגת אריה בעברו דרך פפד"מ, מאי נפקא מיניה לבן נח בין בשר מן החי לאבר מן החי וכו'.

איז דא א חידוש מיט דער איסור פון אבר מן החי, אבער ביי א בן נח די רגע וואס עס איז אסור בשר מן החי, איז אבר מן החי סייווי אסור[2]?

## תירוצו של השואל ומשיב

די גרויסע גאון און פוסק דער **בעל שואל ומשיב** איז זיין ספר **שו"ת שואל ומשיב** (מהדורה תליתאה חלק א, סימן תב) שרייבט א הערליכע טיפע תירוץ אויף דער קשיא, און בהקדמה איז ער מקדים אפאר חידושים און די סוגיא פון חצי שיעור, איסורי סייג. וזה לשונו: **רחש לבי ענין חצי שיעור, דהטעם משום דחזי לאצטרופי** - פירוש: די כלל איז אז **חצי שיעור איז אסור**, דהיינו די דין איז אז יעדער זאך וואס איז אסור מן התורה, האט בעצם א שיעור, וואס אויב מען איז עובר אויף דער שיעור גייט אן די דיני תורה וואס די תורה זאגט אויף דער איסור, למשל, עס איז אסור צו עסן יום כיפור, און די שיעור פון דעם איז ככתובת, און דעמאלטס אויב איינער עסט יום כיפור כשיעור ככתובת באקומט ער די עונש פון כרת. אבער אפילו אזוי, איז אסור צו עסן אפילו 'חצי שיעור', דהיינו ווייניגער ווי א כתובת אין יום כיפור. און לויט שיטת ר' יוחנן (עי' יומא עד, א) איז חצי שיעור אסור מן התורה, דהיינו די תורה לאזט נישט עובר זיין קיין איסור ווייניגער ווי די שיעור, נאר די גאנצע נפקא מינה וועט זיין, אז מען גייט נישט באקומען די 'עונש' וואס די תורה געט, אבער אסור מן התורה איז עס. אין די טעם פארוואס חצי שיעור איז אסור התורה איז, 'דחזי לאצטרופי', וויבאלד ווען איינער עסט יום כיפור ווייניגער ווי א כתובת, אפילו יעצט כרגע האט ער נישט געגעסן קיין שיעור, אבער דער קליינער שיעור קען זיך מצרף זיין מיט נאך א חצי שיעור, און עס וועט אויסקומען אז מען גייט עסן א גאנצע שיעור, וועגן דעם איז חצי שיעור אויך אסור מן התורה.

קומט די שואל ומשיב און איז מסביר די טעם פון 'חזי לאצטרופי': **לפי עניות דעתי הכוונה, דזה ענין סייג, דמצינו באבות דרבי נתן** (עי' פרק א ופרק ב) **שגם מן התורה שייך סייג, ואדם הראשון עשה סייג לדבריו, ובמדרש פרשת נשא מבואר שהתורה עשתה סייג לדבריה בנזיר ובנדה ועריות, ובתשב"ץ הלכות חמץ ומצה כתב דבל יראה ובל ימצא היה משום סייג יעו"ש. ולפענ"ד נראה דגם חצי שיעור אסרה התורה משום גדר, כדי שלא יבא לשיעור שלם, וזהו הענין דחזי לאצטרופי, דהיינו, שזה גדר - שהרי יכול לאצטרופי לשיעור שלם, ולכך אסרה התורה חצי שיעור.**

פירוש: די טעם פון חזי לאצטרופי איז נישט קיין טעם 'בעצם', נאר עס איז א 'סייג' וואס די תורה האט געמאכט צו זיין אייגענע איסור. אזוי ווי מען זעהט אז די תורה האט גע'אסר'ט געוויסע סארט זאכן, אזוי ווי א נזיר טאר נישט גיין נעבן א וויין גארטען, און די איסור פון יחוד ביי עריות, און אזוי אויך שרייבט די תשב"ץ אז די גאנצע איסור פון בל יראה ובל ימצא ביי די איסור פון חמץ, איז נאר א 'סייג' אז מען זאל נישט קומען עובר זיין אויף די עצם איסור פון עסן חמץ, זעהט מען פון די אלע זאכן אז די תורה אליינס מאכט אסאך מאל א סייג און א גדר צו זיינע אייגענע איסורים כדי מען זאל נישט צו קומען עס עובר צו זיין [אנדערש ווי מען ווייסט נארמאל אז די 'חכמים' זיי מאכן די גדרים וסייגים אז מען זאל נישט קומען עובר זיין אויף די איסורים פון די תורה]. און לפי זה - איז די שואל ומשיב מסביר - איז די ענין פון חצי שיעור, אויך א גדר וסייג וואס די 'תורה אליינס' האט געמאכט, אז מען זאל נישט צוקומען צו עסן א גאנצע שיעור של איסור, וועגן דעם האט די תורה גע'אסר'ט צו עסן אפילו א חצי שיעור.

**ובזה נראה לפענ"ד דלכך לא נתנה שיעורים לבני נח, דבבני נח לא רצתה התורה שיעשו גדרים, ודי להם שיקיימו מצותם כמו שהוא, וגדולה מזו מצינו שאדם הראשון שעשה סייג נכשל על ידי זה, וכמו שאיתא באבות דרבי נתן שעל ידי שהוסיף נגיעה נכשל, ולכך לא עשה הקדוש ברוך הוא גדר להם** - פירוש: לפי דער הסבר אין 'חזי לאצטרופי' איז די שואל ומשיב מחדש א גרויסע חידוש [מבואר ביתר שאת בהמשך שם, להמעיין בדבריו]. די אבות דרבי נתן שרייבט (פרק א): **איזהו סייג שעשה אדם הראשון לדבריו, הרי הוא אומר ויצו ה' אלהים על האדם לאמר מכל עץ הגן אכול תאכל ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל ממנו כי ביום אכלך ממנו מות תמות** (בראשית ב, יז) **לא רצה אדם הראשון לומר לחוה כדרך שאמר לו הקדוש ברוך הוא, אלא כך אמר לה ומפרי העץ אשר בתוך הגן אמר אלהים לא תאכלו ממנו ולא תגעו בו פן תמותון** (בראשית ג, ג), **באותה שעה היה נחש הרשע נוטל עצה בלבו, אמר הואיל ואיני יכול להכשיל את האדם, אלך ואכשיל את חוה, הלך וישב אצלה והרבה שיחה עמה, אמר לה אם לנגיעה את אומרת צוה עלינו הקדוש ברוך הוא הריני נוגע בו ואיני מת, אף את אם תגעי בו אי את מתה** - פירוש: די אייבישטער האט געזאגט פאר אדם הראשון 'מעץ הדעת טוב ורע לא תאכל ממנו', דהיינו, די אייבישטער האט גע'אסר'ט פאר אדם הראשון צו 'עסן' פון די עץ הדעת, אבער אדם הראשון האט צוגעלייגט א 'סייג' צו דער איסור פון עץ הדעת, אזוי ווי ער האט געזאגט פאר חוה: 'ולא תגעו בו', דהיינו, אז די איסור איז אויך אז מען מעג נישט אנרירען די בוים. און פון דער סייג וואס אדם הראשון האט צוגעלייגט איז ארויס געקומען די גרויסע מכשול אז אדם און חוה האבן געגעסן פון די עץ הדעת, אזוי ווי די אבות דרבי נתן איז מסביר אז די נחש איז געקומען צו חוה און געזאגט, אז די קענסט אנרורען די בוים און עס גייט גארנישט געשעהן, איז פונקט ווי ביים אנרורען די בוים גייט גארנישט געשעהן, די זעלבע זאך אויב די גייסט עסן פון די בוים גייט גארנישט געשעהן. אבער די אמת איז געווען, אז 'נגיעה' האט

[2] בגליון ס' הבאנו את התירוצים של הגאון הפני אריה, רעק"א חת"ס, והמרחשת, ונו"נ בדבריהם. עיי"ש

די אייבישטער טאקע נישט געֿאסר'ט, נאר 'אכילה', און פון דעם איז ארויס געקומען די חטא פון עץ הדעת.

מיט דער אבות דרבי נתן איז די שואל ומשיב מחדש, אז בעצם דער ענין פון 'סייג' האט די אייבישטער געגעבן אפילו ביי בני נח, אבער נאך וואס אדם הראשון איז נכשל געווארן מיט די 'סייג' פון עץ הדעת, איז אראפ פון די בני נח די ענין פון 'סייגים', און ביי זיי ווערט גערעכנט די עצם סייג פון א עצם איסור, און וועגן דעם איז די דין אז 'לא נאמרו שיעורים לבני נח', ווייל די גאנצע ענין פון חצי שיעור, איז דאך מכח 'סייג', ווי די שואל ומשיב האט געשריבן, און ברגע וואס די בני נח האבן נישט קיין שייכות מיט 'סייגים', זענען מחויב אפילו אויף חצי שיעור אזוי ווי א גאנצע שיעור, ווייל ביי זיי איז נישט דא קיין נפקא מינה צו זיי עובר אויף די שיעור פון די איסור אדער ווייניגער, ווייל אויף זיי קען מען זיך נישט פארלאזן אז מיט דעם וואס עס איז דא סייג וועלן זיי נישט עובר זיין די עצם איסור.

און מיט דער חידוש גייט די שואל ומשיב און ער איז מסביר אביסל טיפער: ביי די איסור פון אבר מן החי טרעפט מען צוויי איסורים, 1. אבר מן החי, 2. בשר מן החי. די אמת איז, אז די עצם איסור איז 'אבר מן החי', אבער די תורה האט צוגעלייגט די איסור פון 'בשר מן החי', אלץ א סייג כדי מען זאל נישט קומען עובר זיין אויף די איסור פון אבר מן החי.

לפי דער הסבר שרייבט די שואל ומשיב א גרויסע חידוש, ווען די אייבישטער האט געגעבן די איסור פון אבר מן החי פאר אדם הראשון, האט ער בכלל נישט געגעבן די איסור פון 'אבר מן החי', נאר ער האט אים געגעבן נאר די סייג פון דער איסור, וואס דעס איז בשר מן החי. און די נפקא מינה איז, אז אדם הראשון האט נישט באקומען א 'עצם איסור', וואס אויב ער וואלט עובר געווען אויף דעם וואלט ער באקומען מיתה, נאר ער האט באקומען נאר די 'סייג', וואס אויב וואלט ער עובר געווען אויף די סייג פון בשר מן החי, וואלט ער נישט באקומען קיין מיתה, ווייל עס איז נאר א סייג.

אבער נאכדעם וואס וואס אדם הראשון איז נכשל געווארן מיט די מושג וואס הייסט 'סייג' ביי די חטא פון עץ הדעת, דעמאלטס האט די אייבישטער, אוועק גענומען פון אדם הראשון די סייג פון אבר מן החי, און עס איז אסור געווארן פאר א בן נח צו עסן אבר מן חי און אפילו א משהו פון אבר מן החי, און פון יעצט אין ווייטער איז די איסור פון בשר מן החי שוין א חלק פון די איסור פון אבר מן החי. [ווייל בשר מן החי איז בעצם אבר מן חי, אבער אן קיין שיעור - דהיינו, אפילו א משהו].

לפי דער הסבר פארענטפערט די שואל ומשיב דער קשיא פון די שאגת אריה, דער קשיא וואס די שאגת אריה שרייבט, אז עס וועט נישט כאפן קיין נפקא מינה ביי א בן נח צו מען איז עובר אויף די איסור פון אבר מן החי, אדער די איסור פון בשר מן החי, איז נאר שווער, אויב מען לערנט אז די אייבישטער האט געגעבן צוויי איסורים פאר די בני נח, 1. אבר מן החי, 2. בשר מן החי. אבער לויט ווי די שואל ומשיב האט מסביר געווען די תהליך ווי אזוי די איסור פון אבר מן החי איז געגעבן געווארן פאר די בני נח, שטומט זייער גוט די לשון פון די רמב"ם "**על אבר מן החי ועל בשר מן החי בכל שהוא, שלא ניתנו השיעורין אלא לישראל בלבד**", ווייל די איסור איז קודם געגעבן געווארן נאר די איסור פון 'בשר מן החי', וואס דעס איז געווען נאר א איסור סייג, און מען איז נישט געווען מחויב מיתה אויב מען וואלט עובר געווען אויף דעם, און נאר נאכדעם וואס אדם הראשון האט מועיל געווען אין די מושג פון 'סייג', האט די אייבישטער געזאגט אז די איסור 'סייג' פון בשר מן החי גייט זיין אסור פון היינט און ווייטער מיט די איסור פון אבר מן החי, און אין הכי נמי, אז די איסור פון אבר מן החי דארף מען א כזית צו עובר זיין און באקומען מיתה, אבער וויבאלד לא נתנו שיעורין לבני נח, וועלן די בני נח זיין אסור באבר מן החי אפילו א משהו, וואס דעס איז בעצם 'בשר מן החי'. ודו"ק ותשכח!

מיט דער געוואלדיגע תירוץ קומט די שואל ומשיב און פארענטפערט נאך זייער א שווערע רמב"ם. די **רמב"ם** דארט און הלכות מלכים (פרק ט, הלכה א) שרייבט: **על ששה דברים נצטווה אדם הראשון: על ע"ז, ועל ברכת השם, ועל שפיכות דמים, ועל גילוי עריות, ועל הגזל, ועל הדינים, אף על פי שכולן הן קבלה בידינו ממשה רבינו, והדעת נוטה להן, מכלל דברי תורה יראה שעל אלו נצטוה, הוסיף לנח אבר מן החי שנאמר אך בשר בנפשו דמו לא תאכלו, נמצאו שבע מצות** - פירוש: ווי מען זעהט שרייבט די רמב"ם אז אדם הראשון האט נאר באקומען 'ששה' מצות פון די בני נח, און נאר שפעטער האט 'נח' באקומען די זיבעטע מצוה וואס דעס איז 'אבר מן החי'. און אלע אחרונים שטעלן זיך אויף די רמב"ם אז עס איז גמרא מפורשת (סנהדרין נט, ב) אז אפילו אדם הראשון איז שוין נצטווה געווארן אויף די איסור פון אבר מן החי?

זאגט די שואל ומשיב, לויט די פריערדיגע הסבר שטומט זייער גוט דער שיטה פון די רמב"ם. ווייל אדם הראשון האט נישט באקומען די עצם איסור פון אבר מן החי, נאר ער האט באקומען נאר די 'סייג' פון אבר מן החי, וואס דעס איז 'בשר מן החי' וואס איז אסור אפילו במשהו, נאר נאך וואס עס איז ארויס געקומען א מכשול פון די סייג פון אדם הראשון ביי חטא פון עץ הדעת, האט די אייבישטער געגעבן פאר נח א נייע איסור פון אבר מן החי, וואס אין דעם איז טאקע נכלל אויך די איסור פון בשר מן חי, ווייל אבר מן החי איז אסור פאר א בן נח אפילו במשהו. כפתור ופרח!

